**גוט שבת אלע אידן.** דוב פעלדנער (נישט זיין עכטע נאמען) איז אמאל געווען א גרויסער גביר, אבער ליידער האט ער צוביסלעך פארלוירן זיין גאנצע פארמעגן. פארשטייט זיך אז דאס האט אים גורם געווען ר״ל צו זיין נישט אזוי שטארק בשמחה.

זייענדיג דער גרויסער מאמין וואס ער איז, האט ער געגלייבט אז אלעס איז פון הימעל און לכאורה האט ער געדארפט עפעס מתקן זיין אין לעבן. איין טאג, אפאר יאר צוריק, האט דוב געהערט וועגן א נסיעה מיט חסידים קיין אונגארן צו קברי צדיקים. דוב אליין האט געשטאמפט פון אונגארן. וועגן דעם האט ער געשפירט אז ער וויל פארן אויף די רייזע צו קענען גיין צו די קברים פון זיינע זיידעס. און אפשר דורך דעם וועט זיך נעמען חיזוק אין לעבן און ער וועט קענען מעורר זיין די זכות אבות וכו׳.

פאר ער איז ארויסגעפארן קיין אונגארן, האט ער גערופן זיין באבא וואס האט ב״ה נאך געלעבט אין ארץ ישראל. דוב האט געפרעגט זיין באבע צי זי געדענקט וואו אירע עלטערן ליגן אין דעם בית החיים אין מאקאווא, א שטעטל דורך וואס די גרופע האט געדארפט אדורכפארן. דוב׳ס באבע האט אים געזאגט: ״אויב איך געדענקט גוט, מיינע טאטע ז״ל ליגט אין פראנט פון די גאלדענבערג ברידער ז״ל אין דעם בית החיים אין מאקאווא.״

סוף כל סוף איז די גרופע חסידים אנגעקומען צו מאקאווא אין אונגארן וואו זיין זיידעס האבן אמאל געלעבט. דוב האט זיך אפגעטיילט פון דער גרופע כדי צו קענען באזוכן דעם בית החיים פון זיין זיידען. קודם האט ער באזוכט ביים אלטען שול דארט אין מאקאווא און נאכדעם האט ער געטראפן דעם וועג צו דער בית החיים.

עס איז געווען דארט אן אלטער איד וואס איז געווען דער שמש פונעם בית החיים. צוזאמען מיט דעם שמש איז דוב ארומגעגאנגען זוכן דעם קבר פון זיין עלטער זיידען. אבער ווי מער זיי האבן געזוכט, האבן זיי נישט געקענט טרעפן דעם קבר. נאכדעם ווען זיי האבן באקוקט כמעט יעדעם קבר אין דעם בית החיים, האט דוב זיך אויפגעהויבן זיינע אויגען צו הימעל און ער האט געזאגט ״רבונו של עולם, איך בין געפארן כמעט פונף טויזענט מייל נאר צו דאווענען ביים מיין זיידען׳ס קבר. ביטע העלף מיר עס טרעפן!״

פונק דעמאלט איז געקומען לעבן דוב׳ס פוס א קעצעלע. דוב האט אוועקגעשטופט די קעצעלע אבער די קעצעלע איז צוריקגעקומען נאכאמאל און נאכאמאל צו אים. מאכן זיך נישט וויסענדיג פון די קעצעלע, האט דוב גערופן זיין באבע אין ארץ ישראל צו פרעגן איר מער אינפארמאציע וועגן אירע טאטע׳ס קבר. אבער, זיין באבע האט נישט אויפגעהויבן די טעלעפאן.

נאכדעם האט דוב נאכאמאל אויפגעהויבן זיינע אויגען צו הימעל און געדאווענט א תחינה: ״השם ביטע העלפט מיר טרעפן מיין זיידען׳ס קבר!״ פלוצלינג איז די קעצעלע געקומען צו דוב נאכאמאל און זי האט אנגעהויבן צו שלעפן זיין פוס.

דוב האט אראפגעקוקט אויף די קעצעלע מיט גרויס וואונדער: ״וואס ווילסטו פון מיר קעצעלע?״ די קעצעלע איז געווארן שטיל און זי האט אנגעפאנגען צו גיין אויפ׳ן וועג אין דעם בית החיים צווישן די קברים. דוב איז נאכגעגאנגען די קעצעלע מיט דער עלטערע שמש וואס האט אלעס אנגעקוקט מיט א שמייכל אויף זיין פנים. נאכדעם וואס די קעצעלע האט געפירט זיי דורך די גאנצע בית החיים האט ער זיך אראפגעזעצט אויף א געוויסע קבר. פלא פלאים! דוב האט געליינט די אותיות אויף דעם קבר און דאס איז געווען זיין זיידע׳ס קבר. לעבן דעם זענען טאקע געווען די גאלדענבערג ברודער. דוב האט גענומען זאגן תהלים מיט א ברען אויף דעם קבר.

נאך א האלבע שעה פון זאגן די ״קאפיטלעך״ האט דוב גערופן זיין באבע נאכאמאל. די מאל האט זי אויפגעהויבן דעם טעלעפאן און זי האט געבעטן אז דוב זאל לייגן דעם טעלעפאן לעבן דעם קבר כדי זי זאל קענען אויך ״דאווענען״ אביסל דארט. דאן האט דוב דערציילט צו זיין באבא די גאנצע מעשה מיט די קעצעלע.

נאכדעם האט די קעצעלע זיך אויפגעשטעלט און האט אנגעפאנגען צו גיין ווייטער צווישן די קברים. דוב איז נאכגעגאנגען די קעצעלע צו זען וואו ער גייט. די קעצעלע איז אריינגעגאנגען אין דעם אוהל פון א געוויסער צדיק, הרה״צ משה פארהאנד, דער מאקאווער רב זצ״ל דער בעל ״אוהל משה״ (נפטר י״ז סיון תש״ד.) די קעצעלע האט אנגעפאנגען צו וויינען שטארק און דוב האט נישט געוואוסט וואס גייט פאר. דאן האט דוב געזען א צעטל לעבן דעם קבר וואס אויף דעם איז געשריבן אז דער וואס דאווענט ביי דעם קבר וועט געהאלפן ווערן. דוב האט גלייך אנגעהויבן צו זאגן תהלים.

ווען דוב האט געענדיגט דאווענען האט ער געשפירט א רוחניותדיגע עליה און ער איז שטארק נתחזק געווארן צו זען די מוראדיגע סייעתא דשמיא וואס ער האט זוכה געווען דורך די קליינע חיה! ער האט ארויסגענומען זיין ״קעמערא״ צו נעמען א בילד פון דער קעצעלע אבער הפלא ופלא... די באטערי פונעם קעמערא איז אויסגעגאנגען, אפילו עס איז געווען אינגאנצען פריש! דוב איז צוריקגעפארן צו די גרופע חסידים מיט וועמען ער איז געקומען קיין אונגארן. ער האט ב״ה באקומען די חיזוק וואס ער האט געדארפט און דערנאך האט ער דערזען מער און מער הצלחה און השגחה פרטית אין זיין לעבן, און צוביסלעך האט ער ב״ה געזען מער הצלחה מיט פרנסה אויך.

עס שטייט אין פסוק אין די וואכעדיגע סדרה ״הן עם לבדד ישכן ובגוים לא יתחשב״ מיר זענען דער אייבערשטער׳ס באליבטען פאלק און מיר ווערן נישט באטראכט אזוי ווי די גוים, און דער אייבערשטער פירט אונז מיט א באזונדערע השגחה פרטית. טייטשט דער מדרש אויף די פסוק, ״אומה זו יש לה לבלות את כל האומות והן לבדן יירשו את העולם״ דאס אידישע פאלק וועט כאילו אראפשלונגען אלע פעלקער און דאס אידישע פאלק וועט אליינס ירשענען די גאנצע וועלט. מען זעט דעם ענין אין דעם מעשה וואס מען האט דערציילט די וואך. מיר אידן זענען זוכה צו זען מוראדיגע השגחה פרטית אין לעבן. מיט ליינען אזעלכע מעשיות קענען מיר אלע נתחזק ווערן אין פריילך זיין צו וויסן אז מיר זענען דער אייבערשטער׳ס עם סגולה. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה״ר יעקב יוסף טויב שליט״א לרגל שמחת לידת נכדתו אצל חתנו מוה״ר מרדכי פנחס הי״ו

רפואה שלימה לירשע בן פיגלא בתשח״י

נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 362-3234 (845)

נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש :לייג צוריק די ספרים! תעשה את המצוה בשלמות!